

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

שמיני
תשפ"ב לפ"ק
גליון רי"ג

## פראגע

**וואס קענען מיר לערנען פון די סיטואציע אין פוילן וואו די רוסן האבן דערקלערט "מארשעל געזעץ" און די פאלאקן ליידן?**

## ענטפער:

**אסאך** זאכן. ערשטנס לערנען מיר די היפאקריטיע פון די אומות העולם, די שקר פון די פעלקער; "אשר פיהם דיבר שוא" – וואס זייער מויל רעדט ליגנט. מיר זעען אז אלעס וואס רוסלאנד האט געזאגט וועגן די אמעריקאנער "אימפעריאליזם", אלעס וואס זיי האבן זיך אפגערעדט וועגן אמעריקע, איז אלעס שקר.

און 'בא זה ולימד על זה' – אויב זיי זענען ליגנערס ווען עס קומט צו דעם, קען מען זיין זיכער אז זיי זאגן סך מער ליגנט. נישט נאר ווען ס'קומט צו אימפעריאליזם, נאר איבעראל.

ווען רוסלאנד רעדט וועגן העלפן די ארימע, די ארבייטער-קלאס; די אלע מארקסיסטישע סלאגאנען וועגן העלפן די ארימע קלאס, איז אלעס ליגנט. ס'איז נאר א מיטל פון אנהאלטן מאכט. עס איז נישט דא קיין אמת'ע שיטה. עס איז קיינמאל נישט געווען. די ערשטע קאמוניסטן האבן געוואלט אוועקכאפן די מאכט וואס דער צאר האט געהאט כדי זיי זאלן אליינס האבן די מאכט; און אפילו זיי האבן גערעדט ווערטער פון נאבעלע שיטות, איז אלעס געווען שקר.

און איך זאלט וויסן אז די זעלבע איז מיט אלע ליבעראלן. אלע ליבעראלן וועלכע רעדן וועגן רחמנות האבן אויפ'ן די ארימע, אונטערדרוקטע מערדער וואס הארגענען מענטשן אין די סאבוועיס זענען שקרנים. "מיר ווילן נישט קיין טויט-שטראף. מיר ווילן זיי געבן הערליכע טורמעס." מען קען שוין ניטאמאל זאגן היינט דיווארט טורמע, מיר דארפן עס רופן Facilities. און זיי זאלן האבן אלע סארט קאלירטע טעלעוויזיע און גרויסע שטחים ארום, וואו זיי קענען ארומשפאצירן און אפילו אריינגעמען דארט זייערע פריינד. דאס איז וואס זיי ווילן. פולע פאסיליטעטן פאר קרימינאלן. זיי רעדן אגאנצן טאג וועגן רחמנות. אבער מיר ווייסן אז זיי זענען אלע שקרנים.

דאס זענען מענטשן וועמען עס גייט נישט אן די מענטשהייט. זיי האבן נישט קיין רחמנות. אויב זיי וואלטן געהאט רחמנות וואלטן זיי אויך רחמנות געהאט אויף די אומשולדיגע קרבנות וואס ווערן דערמארדעט יעדן טאג השם ירחם. יעדן טאג פאלן מענטשן פון בולעטס און מעסערס פון די מערדער וועלכע ווערן באשיצט דורך די ליבעראלן, די ACLU און אנדערע רשעים; די אידישע ליבעראלן וועלכע באשיצן זיי.

און במילא 'בה זה ולימד על זה'; דער פאקט אז רוסלאנד צייגט יעצט ארויס אז זיי האלטן די פאלאקן אלס ארעסטאנטן – פוילן האט נישט איסגעוועלט צו לעבן אונטער אזא רעזשים; די פאלאקן האבן עס פיינט; זיי זענען ארעסטאנטן – דאס ווייזט אז אלעס וואס רוסלאנד זאגט איז שקר.

נאך א זאך וואס מיר לערנען איז אז די פאלאקן באקומען בלויז וואס עס קומט זיך זיי. עס איז נישט קיין פראגע וועגן דעם.

עס איז נאכנישט גענוג געזאגט. עס איז דא נאך אסאך וואס צו לערנען דערפון, אבער פאר יעצט האבן מיר יוצא געווען.

(393 #)

## פראגע

**איך האט געזאגט אז ווען מיר זעען אומגליקליכע מענטשן דארפן מיר עס אויסנוצן צו ווערן פרייליך מיט די זאכן וואס מיר האבן. אבער וויאזוי מעגן מיר זיין פרייליך מיט די צרות פון אנדערע מענטשן?! טוען מיר נישט דערמיט ווי די מענטשן וואס זענען פארקריפלט און זיי זעען אז מיר זענען פרייליך און האבן נישט מיט זיי קיין סימפאטיע?!**

## ענטפער:

**און** דער ענטפער איז אזוי: עס איז דא צוויי חלקים צו דער נושא. איין חלק איז סימפאטיע, יא. אבער דאס איז נישט אלעס.

די וואך האב איך געזען צוויי סצענעס. איין טאג האב איך געזען א מענטש וואס פעלט אים איין ארעם. און איך האב געזאגט "ברוך ה', איך האב צוויי הענט!" איך האב אנגעהויבן שאקלען מיינע הענט אזוי... "איך האב צוויי פונקציאנירנדע ארעמס! מען דארף אנערקענען אז מען האט צוויי הענט.

איין ארבל פון דעם מענטש איז געווען ליידיג. ער איז געשיקט געווארן פון הימל צו מיר מיך צו מאכן אויפמערקזאם אז איך האב צוויי הענט; מיינע ארבל זענען פולו! איך האב געהאט פארגעסן. אגאנץ לעבן וועסטו פארגעסן פון די געוואלדיגע מתנה אז דו האסט צוויי הענט?! במילא שיקט דער אויבערשטער דערמאנונגען.

דאן - אויך די וואך - איז געווען אן אנדערע מעשה. א מענטש אין א ראד-שטול; ער האט בלויז איין פוס. "אהה" – האב איך געזאגט. "צוויי פיס, וואספארא ברכה! איך קען האָפן, שפרינגען און טאנצן. צוויי פיס! וואספארא גרויסע חסד!"

און מיר דארפן עס אויסנוצן. מיר דארפן זיך לערנען צו דאנקען השי"ת: "אה באשעפער! דו האסט געמאכט אז איך זאל נישט זיצן אין קיין ראד-שטולו!" מען דארף דאס טראכטן. דאס איז די סיבה פארוואס ער האט עס געשיקט. דאס איז א מראה ספעציעל געמאכט פאר'ן ציל פון אונז מאכן באוואוסטזיניג ווי גליקליך מיר זענען און וויפיל מיר זענען שולדיג פאר'ן אויבערשטן.

אין די זעלבע צייט דארף מען האבן מיטגעפיל. יא, מען דארף האבן סימפאטיע אויך. עס איז בכלל נישט קיין סתירה. ווי פרייליכער מען איז אלס מער מיטגעפיל האט מען פאר יענעם. "קוק ווי פרייליך איך בין; און ער האט עס נישט. איי איי, עס איז אזא רחמנות אויף אים." דאס איז סימפאטיע. ווי פרייליכער מען איז אלס מער אנערקענט מען די מתנה, און אלס מער מיטגעפיל שפירט מען.

וואס וועט איר טון מיט די סימפאטיע? עס זענען דא פארשידענע זאכן. אומוויינגסטנס קענט איר דאווענען פאר אים. "באשעפער, ער קוקט אויס ווי אן אנשטענדיגער מענטש, אפשר איז ער אפילו א שומר מצוות; איך האף דו וועסט אים טרייסטן און אים מאכן פרייליך כאטש זיין פעלער." דאס איז סימפאטיע. אודאי דארף מען האבן סימפאטיע.

אבער די סימפאטיע זאל אייך נישט צורויבן פון אויסנוצן דעם געלעגנהייט צו לערנען וויאזוי צו דאנקען דעם אויבערשטן; און צו אייביג געדענקען צו זיין דאנקבאר פאר השי"ת אז איר האט צוויי הענט און צוויי פיס. (E-187#)

פראגע

## האט א גוי עולם הבא?

### ענטפער:

**"כל ישראל** יש להם חלק לעולם הבא". נאר אידן! דאס איז געווען די הבטחה וואס איז געמאכט געווארן צו אברהם. "אל תירא אברם, **שכרך הרבה מאד"** – האב נישט מורא אברהם; דיין שכר איז מורא'דיג גרויס! נאר עולם הבא ווערט אנגערופן "מאד", חוץ פון דעם איז נישט דא קיין אנדערע שכר וואס קענען אנגערופן ווערן **הרבה מאד**. און עס איז בלויז פארשפראכן געווארן פאר אברהם און זיינע קינדער.

יעצט נארט אייך נישט. מיינט נישט אז א גוי ווערט נישט באלוינט. אויב א גוי לעבט אויף דער וועלט און ער עסט מאלצייטן, ער טראגט קליידונג, און ער האט א פלאץ צו שלאפן, איז עס זייער א גרויסע גליקליכקייט. דאס איז שוין איבער-גענוג.

אפילו פאר אייך. מיינט נישט אז דער באשעפער קומט אייך עפעס. ער קומט אייך גארנישט. איר האט געלעבט אויף דער וועלט? זייט צופרידן מיט דעם. לעבן איז א גליקליכקייט.

און דערפאר, דער פאקט אז דער איטאליענער ציגל-לייגער גייט אהיים ביינאכט, ער האט א הויז, ער האט א ווייב און ער האט נאכטמאל צו עסן, דארף ער דאנקען דעם אויבערשטן פאר דעם. יא, דער גוי דארף אויך דאנקען. **"הבו לה' משפחות עמים"** – אלע פעלקער זאלן קומען לויבן דעם אויבערשטן. **"הבו לה' כבוד ועוז"** – זיי זאלן ברענגען צום אויבערשטן כבוד און שטארקייט (תהלים ק"ו ז). יעדער איינער דארף דאנקען השי"ת. עס איז גענוג אז דער אויבערשטער גיבט אים א לעבן אויף דער וועלט! ער דארף אויך האבן עולם הבא? פארוואס זאל ער עס באקומען? עס איז א ספעציעלע מתנה! נאכן לעבן א גליקליכע לעבן אויף דער וועלט – אזויפיל יארן האט איר געגעסן און געשלאפן און איר האט געהאט קליידונג און אלע אנדערע זאכן – ווילט איר אויך עולם הבא?

און דער ענטפער איז – דער אויבערשטער האט עס שוין צוגעזאגט פאר כלל ישראל; ער וועט עס אונז געבן צוליב אברהם אבינו. און דערפאר איז עולם הבא א ספעציעלע מתנה פאר די אידן. אבער מיינט נישט אז ער קומט אייך עפעס. ער קומט אייך נישט קיין עולם הבא. אויב ער גיבט אייך אפילו טעגליכע עסן איז עס שוין מער ווי איר פארדינט. צו ארבעטן פאר אייער טעגליכע שפייז דארפט איר טון אלע סארט מצוות און מעשים טובים, עוסק זיין אין תפלה; פרייט אייך אז איר באקומט טעגליך עסן.

און אויב נאך דעם אלעם וועט דער אויבערשטער זאגן "איך גיי אייך געבן עולם הבא אויך" איז עס גארנישט חוץ א באנוס צו די געוואלדיגע מתנה וואס איר האט שוין געהאט אז איר האט געלעבט. (E-234#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!




פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!

אידיש!

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

דערקוויקט אייער
מח און נשמה!

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב